רשימות

# דברות קודש

פתיחת זמן החורף
ה'תשפ"ד

רשימה שאינה מוגהה
על-ידי אחד התלמידים המקשיבים
לתועלת תלמידי הישיבה

זה השער לד׳
צדיקים יבואו בו

רשימות

# דברות קודש

שהשמיע

**כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**
**ממונקאטש**

בהיכל ישיבתינו הקדושה

**ישיבת יודעי בינה מונקאטש**

ביום א׳ פרשת תולדות, כ״ח מרחשון

**פתיחת זמן ההורף שנת ה׳תשפ״ד**

הוצאת אומרת
אור תורה מונקאטש

ברוקלין, נוא יארק
חודש כסלו ה׳תשפ״ד

רשימות

# דברות קודש

## פתיחת הזמן
## חורף ה'תשפ"ד


יוצא לאור על ידי:

**הוצאת אמת**

אור **ת**ורה **מ**ונקאטש

מכון להו"ל ולהפיץ

ספרי רבותינו הקדושים

Published By:

**Emes Publishing Inst.**

Ohr Torah Munkacs

P.O.B. 393

Brooklyn, New York 11219

**T:** 347.408.5208

**F:** 718.504.3526

**W:** www.minkatch.org

**E:** EmesOnline@gmail.com



כל הזכיות שמורות ל:

**הוצאת אמת**

**Copyrighted © 2023 by:**

**Emes Publishing Inst.**

All rights reserved to publisher
The entire text has been newly
edited designed and set.
No part of this book may be
reproduced in any form,
including information storage
or retrieval, in whole or in part,
without written permission
from the copyright holder

# פתיחת זמן החורף ה'תשפ"ד

**הייליגע בחורים, חשוב'ע מגידי שיעור, מלמדים און מנהלים, בראשם מיין חשוב'ע זוהן דער ראש ישיבה, הרב ר' פישל זאל זיין געזונט, און באזונדער די חשוב'ע בעלי בתים וואס זענען ארויסגעקומען דא אהער קיין מאנסי אנטיילנעמען ביי די פתיחת הזמן אין ישיבה (א).**

## "פתחו לי פתח כחודה של מחט"

**איידער** איך וועל אנהויבן די "פתיחה", וועל איך מסביר זיין, וואס הייסט דאס א "פתיחה" פאר א "זמן" אין ישיבה? פארוואס רופט מען די דיבורים וואס ווערן געזאגט ביים אנהויב פון א זמן אין ישיבה, א "פתיחה-דרשה"?

**א.** אזוי איז שוין געווען דער מנהג אינדערהיים אין מונקאטש, אז ווען דער הייליגער זיידע, דער מנחת אלעזר זי"ע, פלעגט זאגן זיין "פתיחה" פאר די תלמידי הישיבה, זענען די חשוב'ע בעלי בתים פון שטאט אויך געווען געלאדענט צו זיין ביי די פתיחה. [כאטש וואס די דרשות זענען בעיקר געזאגט געווארן פאר די בחורים, זעהן מיר אין א טייל פון די דרשות אין ישיבה וואס דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט פארצייכנט און געדרוקט אין זיין ספר דברי תורה, אז ער טוט ווידמען א חלק פון זיינע ווערטער צו די בעלי בתים וואס זענען דארט געווען (ראה מהדורא תניינא אות קיב, מהדורא רביעאה אות א, מהדורא שביעאה אות ב).]

**דאס** איז געבויעט אויף דעם מאמר חז"ל (עיין שיר השירים רבה פ"ח ג) וואס ווערט אסאך געברענגט אין חסידי'שע ספרים, אז דער אויבערשטער זאגט צו אידישע קינדער: "**פתחו לי פתח**" - עפענטס מיר אויף אן עפענונג, "**כחודה של מחט**" - אזוי קליין ווי די שפיץ פון א נאדל, און דערויף טוט דער אויבערשטער צוזאגן: "**ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם**" - איך וועל ענק עפענען א גרויסע פתח ווי די עפענונג פון א גרויסע צימער. זאגט אויף דעם הגה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זצ"ל (מחשבות חרוץ אות ד), אז אפילו די עפענונג וואס מען מאכט אליין, איז זייער קליין, פונדעסטוועגן פארדינט מען דעם פתח "כפתחו של אולם", ווייל די ערשטע פתח האט די מעלה פון א "חודה של מחט", אז דאס איז א לאָך וואס גייט דורך און דורך, פון איין זייט צו די אנדערע.

**די** כוונה דערפון וועט זיין לעניננו, אז אויף דעם זעלבן וועג דארף מען צוגיין ביים זאגן א "פתיחה" תחלת הזמן פון א ישיבה. דאס קען באשטיין פון ווייניג און קורצע דיבורים, אבער מען ברויך דאן אויפצינוהן דעם "פתחו לי פתח כחודה של מחט". מיט די ווערטער פון א "פתיחה" דארף מען עפענען א פתח - אפילו נאר א קליינע, אבער עס זאל זיין "כחודה של מחט", עס זאל אריינגיין אין די הערצער פון אידישע קינדער, די תלמידים און די בעלי בתים, דורך און דורך, עס זאל בלייבן ביי יעדן אין הארץ. און אויף אזא "פתיחה" זאגט צו דער אויבערשטער "ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם", אז דורכדעם וועט בהמשך הזמן זיין א גרעסערע פתיחה פונעם אויבערשטן, א פתיחה וואס האט א נצחיות און איז אין סוף. די ווערטער פון א פתיחה זענען נישט נאר די דיבורים וואס זענען געזאגט געווארן, נאר דורך דעם בלייבט אן השפעה אויף אלע לימודים פון א גאנצע זמן, יעדן איינציגען טאג, און ביי יעדן סוגיא וואס מען גייט לערנען.

**פירוש** הדברים למעשה: ווער עס איז זוכה אנהויב א זמן, אז ער איז מקבל די דברי פתיחה, עס גייט איהם אריין אינעם הארץ, דורך און דורך, זאגט איהם צו דער אויבערשטער, אז "ואני אפתח לכם" - איך וועל איהם עפענען א גאנצע זמן, "כפתחו של אולם", אז יעדע תוספות, יעדע רבינו תם, יעדע מהרש"א, וואס ער וועט לערנען במשך דעם זמן וועט ער שפירן דערין אלע טעמים. עס וועט נישט זיין א בחור וואס וועט זאגן, "איך לערן און איך לערן, אבער איך פארשטיי נישט". און כל שכן אז עס וועט נישט זיין א בחור וואס זאל זאגן דברי הבל, "וואס האב איך פון אלע לימודים, די עיקר איז אז איך זאל פארדינען געלט", און דאס גלייכן. דאס אלעס קען נאר געשעהן ווען עס פעלט אין די פתיחה דעם "חודה של מחט". מה שאין כן אויב עפענט מען א ריכטיגע פתיחה ביים אנהויב זמן, איז מען זוכה צו די הבטחה, אז די פתיחה זאל כסדר ווערן גרעסער און ברייטער בעזהשי"ת.

**דערפאר,** בעט איך יעצט סייעתא דשמיא, דער באשעפער זאל מיר העלפן, אז די פאר ווערטער פון די פתיחה וואס איך וועל ענק דערמיט פותח זיין דעם זמן, זאל זיין אזעלכע ווערטער וואס זאלן דורכלעכערן אידישע הערצער, און דאס זאל משפיע זיין לכל אורך הזמן, אז דורכדעם זאל זיך ביי ענק עפענען דאס הארץ און מוח "כפתחו של אולם".

**און** על דרך זה זאל עס אויך זיין ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע טייטשט די וואך אין "נועם אלימלך" (פרשת תולדות עה"כ וכל הבארות) "**דברים היוצאין מן הלב נכנסים ללב**", אז דאס מיינט נישט נאר ווי די פשוט'ע פשט איז, אז ווען א מענטש רעדט ארויס זאכן פון הארץ, איז דא אן הבטחה אז עס וועט אריינגיין אין הארץ פון די וואס הערן. נאר דאס מיינט אז עס איז "נכנסים ללב" - עס גייט צוריק

ארייַן אין הארץ פון דעם זעלבן מענטש וואס האט דאס געזאגט. בעט איך טאקע ביים הייליגן באשעפער, עס זאל זיין "נכנסים אל הלב" פון די וואס הערן, און פאר מיר אליין אויך (ב).

## "אברהם הוליד את יצחק"

**די** סדרה די וואך הייבט זיך אן (ג) "**ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק**". יעדער ווייסט די קשיא וואס איז שווער ביי אלע מפרשי התורה, די דאפעלטע לשון אין פסוק. אז עס שטייט שוין "תולדות יצחק בן אברהם", פארוואס דארף די תורה ווידער זאגן "אברהם הוליד את יצחק"?

**נאך** דארף מען ארייינקלערן. אין פרשת נח (לעיל ו, ט) ביי "אלה תולדות נח", איז רש"י מפרש, אז דאס גייט ארויף אויף די מעשים טובים פון נח, ווייל "עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים", וואס די פסוק רעכנט אויס גלייך נאכדעם "נח איש צדיק תמים

---

**ב.** די זעלבע געדאנק פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע, טרעפט מען בעצם אויך אינעם ספר אגרא דכלה, פון הייליגן זיידע'ן, דער בני יששכר זי"ע, וואס שרייבט אין די הקדמה: "וכתבתי הדברים האלה להיות למזכרת, לי ולבני גילי החברים, פן ואולי ימצאו בכל פעם רפואות תעלה לנפשם, וגם אנכי כאחד מהם, אולי יעזרני השי"ת, בהתבונני בכל פעם בהערת אשר העירה את נפשי". כלומר, אז נישט נאר פאר די תלמידים וואס וועלן לערנען אין דעם ספר, וועט זיין א תועלת די אלע תורות וואס ער שרייבט דא, נאר אויך פאר זיך אליין, וועט עס מיטן אויבערשטענ'ס הילף זיין א חיזוק און תועלת.

**ג.** מנהג רבותינו הקדושים, ווען זיי האבן אנגעהויבן זאגן א דרשה, איז בדרך כלל געווען, אז זיי האבן זיך געשטעלט אויף א פסוק אין די סדרה פון די וואך. בדורות שלפנינו איז דאס געווען שטארק אנגענומען ביי חסידים ואנשי מעשה אין מונקאטש, אז אויב איז געקומען א מגיד אין שטאט צו דר'שענען אדער זאגן מוסר (אזוי ווי עס איז געווען איינגעפירט אמאל), און ער האט נישט אנגעהויבן מיט א פסוק אדער א תורה פון די וואכענדיגע סדרה, איז שוין געווען פאר זיי א סימן אז ער איז נישט פון די ערליכע בעלי דרשנים...

היה בדורותיו". אויב אזוי, לויט דעם, ווי אזוי וועט זיך אויסטייטשן "ואלה תולדות יצחק" אויף זיינע מעשים טובים, בשעת וואס דער פסוק רעדט בכלל נישט פון די מעשים טובים פון יצחק?

**קען** מען זאגען, אז די מעשים טובים פון יצחק אבינו ביז אהער איז דאך געווען זייער אסאך, ועל כולם די מעשה מסירת נפש פון יצחק אבינו אויף די עקידה צו זיין אן עולה תמימה לד'. אבער דאס אלעס זענען געווען מעשים טובים בעבר. ווידער אין די גמרא (שבת פט, ב) ווערט פארציילט פון די מעשים טובים פון יצחק וואס וועט זיין בעתיד, לעתיד לבוא, אז דורך איהם וועט ארויסקומען די ישועה פון כלל ישראל ווען משיח צדקינו וועט אונז קומען אויסלייזן מיט די גאולה שלימה.

**דאס** לאזט די פסוק הערן "ואלה **תולדות יצחק בן אברהם**", אז אויסער אלע מעשים טובים פון ביז אהער, וועט זיין נאך מעשים טובים פון יצחק, וואס "**אברהם הוליד את יצחק**". כלומר, אז כאטש די מדה און עבודה פון יצחק איז מיטן מדת הדין, גבורה און מסירת נפש (עיין זוהר ח"ג שב, א), האט אברהם אבינו אין איהם מוליד געווען און ארייגעלייגט זיין אייגענע מדת החסד (עיין זוהר ח"א מז, ב). אז די גבורה פון יצחק זאל זיין לצורך דעם חסד פון כלל ישראל, און מיט דעם וועט יצחק אבינו פועל'ן ביים באשעפער ארויסצונעמען די אידן פון גלות.

## "אתה ד' אבינו גואלנו מעולם שמך"

**צו** דערציילן ווי אזוי עס וועט צו גיין די מעשים טובים פון יצחק אבינו וואס וועלן אונז ארויסנעמען אין גלות, הייבט אן די גמרא מיט א פסוק פון ישעיהו הנביא (סג, טז) "**כי אתה אבינו, כי אברהם לא ידענו, וישראל לא יכירנו, אתה ד' אבינו גאלנו מעולם שמך**". איז

א וואונדער, פארוואס ווערט אין דעם פסוק נאר דערמאנט אברהם און יעקב (ישראל)? און בעיקר איז א וואונדער, פארוואס ביים אנהויב שטייט אין פסוק "כי אתה אבינו" - אן דערמאנען דעם שם ד', אבער ווייטער אין פסוק שטייט "אתה ד' אבינו"?

**גייען** די הייליגע חכמים דרש'ענען און אויסטייטשן דעם פסוק אויף לעתיד לבוא. אז דעמאלטס, "לעתיד לבא יאמר לו הקדוש ברוך הוא לאברהם בניך חטאו לי" - דער אויבערשטער וועט זאגן פאר אברהם אבינו, דיינע קינדער האבן פאר מיר געזינדיגט. "אמר לפניו" - וועט אברהם אבינו - כאטש וואס ער איז די בחינה פון מדת החסד - ענטפערן, "רבונו של עולם ימחו על קדושת שמך", אז צוליב זייערע חטאים קומט זיך אז מען זאל זיי שטראפן, און מיטן דין וואס מען טוט פאר די וועלכע זענען עובר אויפן דבר ד' וועט ארויסקומען א קידוש השם. אבער דער אויבערשטער וועט נישט זיין צופרידן פון דעם ענטפער, נאר "אמר" - דער אויבערשטער וועט זאגן פאר זיך אליינס, "אימר ליה ליעקב" - איך וועל גיין דאס זאגן פאר יעקב, "דהוה ליה צער גידול בנים אפשר דבעי רחמי עלייהו" - ווייל וויבאלד ער האט געהאט צער גידול בנים און ער האט זיך גאר שטארק אנגעשטרענגט מיט מגדל זיין זיינע קינדער אפשר וועט ער ענדערשט שפירן זייער צער און בעטן אויף זיי רחמים. דערפאר וועט איהם דער באשעפער איבערזאגן די זעלבע זאך "בניך חטאו". אבער יעקב וועט אויך ענטפערן "רבונו של עולם ימחו על קדושת שמך". און אויך פון יעקב וועט נישט דער אויבערשטער וועלן אננעמען די תשובה. "אמר" - וועט דער באשעפער זאגן, "לא בסבי טעמא" - די זיידע האט נישט קיין טעם, "ולא בדרדקי עצה" - און ביי די יונגע איז נישט דא קיין עצה. נישט דער זיידע אברהם און נישט דער אייניקל יעקב ווייסן ווי אזוי צו לערנען גוטס אויף די אידן.

**דעמאלטס** וועט דער אויבערשטער גיין צו יצחק (ד) און איהם זאגן, "בניך חטאו לי". וועט יצחק אבינו קודם צוריקפרעגן "רבונו של עולם בני ולא בניך" - דאס זענען נאר מיינע קינדער און נישט דיינע קינדער? "בשעה שהקדימו לפניך נעשה לנשמע" ביי מתן תורה, האסטו זיי אנגערופן "בני בכורי"! און יעצט זענען זיי נאר מיינע קינדער און נישט דיינע קינדער!?

**ווייטער** וועט יצחק אבינו אנהויבן מאכן א חשבון מיטן באשעפער לטובת די אידן. וויפיל לעבט א מענטש? זיבעציג יאר! אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים צ, י) "ימי שנותינו בהם שבעים שנה". רעכן אראפ דערפון די ערשטע צוואנציג יאר, ווייל די בית דין של מעלה שטראפט דאך נישט ביז די צוואנציג יאר, בלייבט נאר איבער פופציג יאר פון זייער לעבן וואס מען קען זיי שטראפן אויף זייערע דעמאלסטדיגע מעשים. פון דעם גייט אראפ העלפט, וואס זענען די נעכט, ווען מענטשן רוען זיך אפ און שלאפן און זינדיגען נישט דעמאלטס, בלייבט נאר איבער פינף און צוואנציג יאר פון זייער לעבן צו קענען זינדיגן. פון דעם נעם אראפ די צייט וואס מען האט געדאווענט און געלערנט, און אויך די צייט וואס מען האט געגעסן און געגאנגען אין בית הכסא, דאס אלעס צוזאמען דויערט בערך האלב פון די צייט וואס א מענטש איז אויף, און אין די צייט זינדיגען נישט די אידן (ה).

---

ד. די מפורשים בפנימיות התורה פרעגן, פארוואס פון אברהם גייט דער אויבערשטער צו יעקב, און נישט קודם צו יצחק. און די הסבר איז, ווייל אזוי ווי יצחק איז די מדת הגבורה, קלערט דער אויבערשטער כביכול דאס צו לאזן די לעצטע. אבער ווי אויבן דערמאנט, מיטן כח פון "אברהם הוליד את יצחק" וועט דייקא פון יצחק ארויסוואקסן די ישועת ישראל

ה. אין דעם ליגט אסאך מוסר וואס איז כדאי מען זאל זיך מתבונן זיין, אז יצחק אבינו וועט זיך נישט פארשטעלן אז עס קען זיין עבירות ביים עסן - אז מען זאל נישט געהעריג נזהר זיין אין ברכת המזון און ברכת על המחיה וכיוצא, און אזוי אויך די הנהגה פון א איד בבית הכסא, ואכמ"ל.

בלייבט נאר איבער פון דעם סך הכל צוועלף און א האלב יאר פון א מענטש'ס לעבן וואס אין דעם איז שייך צו זינדיגען. קומט אויס אז רוב פון זיין לעבן קען א מענטש ניטאמאל זינדיגן.

**יעצט** וועט יצחק אבינו אויספירן און זאגן פארן רבונו של עולם "אם אתה סובל את כולם" - אויב דו קענסט דערליידן די גאנצע צוועלף און א האלב יאר וואס זיי האבן געזינדיגט, און דערפאר וועלן זיי אינגאנצן פטור ווערן פון זייער עונש, "מוטב" - איז גוט, "ואם לאו" און אויב נישט, לאמיר דאס צוטיילן "פלגא עלי ופלגא עליך" - האלבע אויף מיר און א האלבע אויף דיר [ו], יעדער פון אונז וועט נעמען אויף זיך די אחריות פון די עבירות פון האלב פון די צייט, און אזוי וועלן די אידן פטור ווערן פון עונשים. "ואם תמצא לומר" - און אז דו ווילסט בין איך גרייט אז דו זאלסט אפילו זאגן, "כולם עלי" - אלע זאלן זיין אויף מיר, איך קען אלעס נעמען אויף מיר, ווייל "הא קריבית נפשי קמך" - איך האב זיך שוין מקריב געווען פאר דיינעט וועגן און געגאנגען אויף די עקידה.

**נאכדעם** וואס די אידן וועלן הערן די סניגוריא פון יצחק אבינו, ווי ער נעמט זיך אן פאר זיי, "פתחו ואמרו" - וועלן די אידן אנהויבן זאגן די ערשטע ווערטער פונעם פסוק "כי אתה אבינו"! דאס וועט ארויפגיין אויף יצחק, ווייל נאר דו יצחק ביסט אונזער טאטע! ער איז דער טאטע וואס וועט אונז העלפן ארויסגיין פון גלות בשעת "אברהם לא ידענו, וישראל לא יכירנו".

---

ו. יעדער מונקאטשער חסיד קען די תורה וואס ווערט געברענגט אין "שער יששכר" - מאמר אגדתא דפסחא (אות ד-ה) - בשם דער הייליגער שם שלמה זי"ע, אז אזוי ווי די דריי מצות זענען מכוון אקעגען אברהם, יצחק און יעקב, נעמט מען פסח ביינאכט, ביי די זמן הגאולה, די מצה פון יצחק אבינו און מען צוטיילט דאס אין העלפט, צו דערמאנען די טענה פון יצחק צו השם יתברך "פלגא עלי ופלגא עלך", און דערמיט ברענגען די גאולה שלימה פון כלל ישראל.

**"אמר** להם יצחק" - ווען יצחק וועט הערן ווי די אידישע קינדער רופן איהם "אונזער טאטע", וועט ער זיי זאגן "עד שאתם מקלסין לי, קלסו להקדוש ברוך הוא" - ווי איידער עטס זאלטס מיר אויסלויבן, זאלט עטס אויסלויבן דעם באשעפער וואס ער איז ענקער ריכטיגער טאטע. און דאן וועלן די אידן זאגן די לעצטע ווערטער אין פסוק "אתה ד' אבינו גואלנו מעולם שמך". כלומר, אז צום ענדע וועלן די אידן אנערקענען אז "אתה ד' אבינו" נאר דו השם יתברך ביסט אונזער טאטע! דער באשעפער וואס דיין נאמען איז הוי"ה - היה הוה ויהיה - ער איז געווען אונזער אויסלייזער פון די פריערדיגע גליות און ער איז יעצט ווייטער אונזער טאטע וואס וועט אונז אויסלייזן פון דעם גלות [ז].

**דאס** איז דעם כח פון **"אברהם הוליד את יצחק"**, אז לעתיד לבוא ווען כלל ישראל וועט דארפן אנקומען צו רחמים וחסדים זיי צו העלפן ארויסגיין פון גלות, וועט דאס קומען דוקא דורך די חסד וואס אברהם האט מוליד געווען אין די גבורה פון יצחק, און אט דעם חסד פון יצחק וועט פועל'ן אז מיר זאלן שוין בעזהשי"ת אויסגעלייזט ווערן.

**מיט** די גמרא פארשטייט מען זייער גוט וואס דער פייטן זאגט (בפיוט א-ל מסתתר) **"פחד יצחק משפטינו האירה"**, אז די פחד און גבורה פון יצחק קומט כדאי לעכטיג צו מאכן די משפט פון כלל ישראל לעתיד לבא.

ז. הערת המעתיק: זעה אין ספר הקדוש יודעי בינה, אנהויב פרשת תולדות, ווי לויט די ווערטער פון אט די גמרא איז ער מפרש דעם פסוק בדרך רמז, אז "יצחק **בן אברהם**" איז די ראשי תיבות "**אבי**", און די סופי תיבות איז גימטריא "**קץ**", ווייל פון דער טאטע, **אבי**, וועט ארויסשפראצן די **קץ** פונעם גלות און די ישועה לעתיד. 'יראו עינינו וישמח לבנו במהרה בימינו אמן'.

## "כל המלמד את בן חבירו כאילו ילדו"

**די** נקודה הפנימית וואס ליגט אין די גמרא, וואס דארף דורכגיין און אריינדרינגען אין יעדנס הארץ איז, אז א איד דארף געדענקן און אנערקענען ווער עס איז אונזער ריכטיגע טאטע וואס העלפט און זארגט פאר אונז! וועמענס קינדער זענען מיר? דער באשעפער איז אונזער טאטע! מיר זענען זיינע קינדער! אבינו מלכנו! "אנו בניך ואתה אבינו"!

**על** דרך משל, אזוי ווי בעלי בתים האבן דאגות אין געשעפטן, אזוי אויך האט יעדע בחור דאגות ביים זיצן און לערנען בין כותלי הישיבה. ער דאגה'ט צו קענען דעם שיעור און דאס גוט חזר'ן און געדענקן. ער זארגט זיך ער זאל נישט פארגעסן דאס וואס ער האט שוין געלערנט, ער זאל נישט פארלירן די תורה וואס ער האט שוין קונה געווען מיט אן עמלות עטליכע טעג.

**אז** א בחור לערנט תורת ד', דאגה'ט ער אויך ער זאל אנקומען צו מדריגות. נישט נאר וואס ער וויל און שטרעבט צו פארשטיין א סוגיא מיטן גאנצן ברייטקייט און טיפקייט, נאר ער וויל אנקומען צו לערנען אויף די דרגא וואס די גמרא זאגט (ירושלמי שבת פ"א ה"ב), אז ווען מען לערנט א שטיקל גמרא דארף מען אזוי לערנען "כאילו בעל השמועה עומד כנגדו". אז מען לערנט "אמר אביי", דארף מען לערנען אזוי ווי אביי שטייט דא און זאגט די הלכה. אזוי איז מען משיג בעסער צו פארשטיין די ווערטער פון די הייליגע תנאים און אמוראים, די ראשונים און אחרונים. מען לערנט דאס מיט מער ערנסקייט און יגיעה. דאס איז א גרויסע מדריגה אויף וואס א בן תורה זארגט און שטרעבט צו דערגרייכן.

**און** איך רעד אפילו נישט פון די שווערע דאגות, איבער די ענינים וואס שטערט זייער א בחור, ווען ער מאכט מיט פון דער יצר הרע, מחשבות זרות און נסיונות, וואס איז זייער ביטער, בפרט אין די היינטיגע דורות.

**וואס** טוט בדרך כלל א קינד וואס איז פאר'דאגה'ט און ער דארף הילף און חיזוק, ער גייט צו זיין טאטע'ן. מיר אלע וואלטן געדארפט גלייך וויסן, אז מיר דארפן לויפן צום אבינו מלכינו יתברך שמו, אונזער אמת'ער טאטע, און אויסבעטן א ישועה. אבער ליידער זענען מיר דאך ווייט פון דעם. נאר מיר דארפן זיך איינגעוואוינען היינט, אזוי ווי עס וועט זיין לעתיד לבוא. פונקט ווי דעמאלטס וועט זיין, אז קודם וועלן אידן אנערקענען יצחק אלס זייער טאטע - "כי אתה אבינו", און נאר נאכדעם וועלן זיי אנקומען צום ריכטיגען אנערקענונג אז "אתה ד' אבינו". אזוי איז אויך ביי אונז, אז קודם דארפן מיר אנערקענען ווער איז דא אין ישיבה אונזער "טאטע" וואס זארגט פאר אונז, און שטייט אונז גרייט צו העלפן, און אזוי אנקומען צו די העכסטע מדריגה.

**און** די כוונה דערפון איז, ווייל אזוי ווי עס איז דא א טאטע בגשמיות, איז דא א טאטע ברוחניות. די גמרא זאגט (סנהדרין יט, ב) "כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו" - ווען א רבי לערנט מיט א תלמיד, איז דאס אזוי ווי א טאטע וואס לערנט מיט זיין אייגן קינד. אז מען קומט אריין צו א שיעור לערנען תורה פון א מגיד שיעור, אדער אז מען גייט אריין צום מנהל, זאל מען קוקן ווי מען קומט יעצט אריין צו א טאטע. "דאס איז מיין טאטע וואס לערנט מיט מיר תורה, און זארגט זיך פאר מיר". דער מנהל, דער ראש ישיבה, זיי זענען ענקערע טאטעס. נישט נאר אז זיי זענען די וואס זענען ענק מחנך און מדריך ווי אזוי מען זאל גיין בדרך התורה

ובדרך האבות, און נישט נאר וואס זיי זענען די וועלכע לערנען פאָר דעם שיעור און פירן די ישיבה מיט א שטארקייט, נאר זיי זארגן זיך פאר יעדן איינציגען תלמיד.

**ווען** א בחור זיצט ביים שיעור, דארף ער שפירן און וויסן אז ער לערנט יעצט ביי א מגיד שיעור וואס האט איהם ליב און זארגט פאר איהם ווי אן אמת'ע טאטע. און ווען ער וועט דאס אנערקענען און פארשטיין, וועט ער קענען ריכטיג מקבל זיין די תורה וואס ער לערנט, להבין ולהשכיל לשמוע וללמוד את כל דברי תלמוד תורתך באהבה.

**און** זיי וועלן אויפטוהן און צוברענגען ביים תלמיד, אז ער זאל שפעטער אנערקענען און וויסן ווער איז דער אמת'ער טאטע, "אתה ד' אבינו", דער באשעפער דער נותן התורה ער איז אונזער טאטע. ער וועט קומען צו פארשטיין און שפירן אז מיר זענען קינדער וואס לערנען זיין תורה. און מיט די אנערקענונג און געפיל וועט דער בחור האבן הצלחה אין זיין עבודת ד' און לימוד התורה, און אין יעדע ענין וואס א בחור דארף האבן אין ישיבה.

**דאס** אלעס איז פון די תולדות און מעשים טובים פון יצחק אבינו, אז אזוי ווי ער וועט ארויסוויייזן זיין געטריישאפט ווי א טאטע, אז מיר זאלן שפירן "כי אתה אבינו", מיר זאלן זיך צו איהם מתייחס זיין ווי א טאטע, און ער וועט אונז דערנאך דורכדעם מדריך זיין זיך צו מתקשר זיין צו אונזער אמת'ער טאטע - "אתה ד' אבינו", העלפט אונז יצחק אבינו שוין יעצט מיט דעם יסוד זיצנדיג אין די ישיבה יארן. אז יעדער בחור זאל אנערקענען אז דער וואס לערנט מיט איהם תורה איז זיין טאטע וואס האט איהם ליב, און דערפון וועט ער אנקומען זיך צו קענען מתקשר זיין גראד צום

אבינו מלכינו יתברך שמו. און פונקט ווי יצחק אבינו וועט זאגן פארן אויבערשטן "בני ולא בניך" - זענען דען די אידן נאר מיינע קינדער און נישט דיינע קינדער? אזוי וועט זיך דערקענען שוין היינט אז מיר זענען קינדער פונעם רבונו של עולם, "אנו בניך ואתה אבינו"!!

## ברכות הקודש

**דער** באשעפער זאל העלפן, מען זאל הערן די פתיחה דורך און דורך, אז די ווערטער זאלן זיין "נכנסים אל הלב". און כאטש זיי זענען קורצע ווערטער, א קליינע פתח, וועט מען דאס מקבל זיין בפנימיות הלב עס זאל זיין א פתח "כחודה של מחט", דורך און דורך. און דער באשעפער וועט העלפן "ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם", אינעם גאנצן זמן וועט מען קענען פון דעם שעפן, ווייל דורך דעם היינטיגן פתח וואס מען וועט עפענען און פארשטיין, וועט מען מצליח זיין יעדע רגע אין ישיבה, און ביי יעדע עבודת הקודש און לימוד התורה.

**דער** באשעפער זאל העלפן מען זאל ביי ענק זעהן אסאך נחת אזוי ווי מען שטרעבט דאס צו דערלעבן ביי אייגענע קינדער. מען וועט ענק אלע אינזין האבן, ווי א טאטע וואס זארגט זיך אינגאנצן פאר זיינע קינדער. עס איז היינט אזוי גרויס די צרות ישראל, וועט מען בעטן "אתה ד' אבינו גואלנו" מיט די גאולה שלימה, בנערינו ובזקנינו נלך מקבל זיין פני משיח צדקנו, און מיר וועלן אלע ווייזן מיט די פינגער "זה ד' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו" (ישעיה כה, ט), אויף דעם האבן מיר אזוי געהאפט און געווארט. מיר גלייבן אין

**דעם באמונה שלימה, "אחכה לו בכל יום שיבא", אז מיר וועלן זוכה זיין צו דערלעבן ביאת בן דוד במהרה דידן (ח) ברוב רחמיו וחסדיו.**

---

**ח.** כדי עטס זאלטס פארשטיין ווי מנהגי רבותינו הקדושים איז אויסגערעכנט ממש ביי יעדע ווארט וואס מען זאגט, וועל איך מסיים זיין מיט פארציילן, אז אמאל האט איינער געפרעגט דעם הייליגען מנחת אלעזר זי"ע, פארוואס אין מונקאטש ווען מען ענדיגט די "תורה" און מען וואונטשט אז מען זאל שוין בקרוב דערלעבן די גאולה שלימה, פירט מען נישט אויס מיט דעם אנגענומענעם לשון "במהרה בימינו", נאר מען זאגט בדרך כלל "במהרה דידן"? האט דער הייליגער זיידע זי"ע געענטפערט דעם איד און מסביר געווען , ווייל ווען מען זאגט פארן באשעפער "במהרה" איז דאך דאס לויט זיין זמן, וואס ביים באשעפער איז אלף שנים ווי איין טאג, "כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבר" (תהלים צ, ד). אויב רעכנט מען דעם טאג לויטן באשעפער'ס חשבון איז איין טאג ביי איהם - ווי טויזענט יאר ביי אונז. און די גמרא זאגט (גיטין פח, א) "מהרה דמרי עלמא" די "מהרה" פונעם רבונו של עולם איז תתנ"ב שנה - אכט הונדערט און צוויי און פופציג יאר. קומט אויס, אז "במהרה" פון באשעפער איז טאקע וויניגער פון "זיין" טאג, אבער עס איז גאר א לאנגע צייט לויט "אונזערע" השגות אין זמן, און ווער קען דאס אזוי לאנג ווארטן? בעטן מיר, אז כאטש דער באשעפער האט אן אנדערע סדר אין רעכענען די צייט, זאל משיח קומען "במהרה **דידן**", לויט אונזער מהרה, לויט אונזער זמן! (עיין אגרא דפרקא אות קצד).

הוצאת

אור תורה מונקאטש